Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBL T

פרייז 30 גראשען

הײנט 24 זײטען

# נײער פאלקסבלאט

№ 42 | Łódź, Piątek, 17 lutego 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, כ״א שבט תרצ״ג | № 42

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

זאל פילהארמאניע
נארוטאוויטשא 20

פרייטאג, דעם 24 פעברואר, 5.30 אָוונט, שבת שקלים מבה״ח פ׳ משפטים, דעם 25 פעברואר
פינקטליך 9 אַ זייגער פריה, וועט דאווענען קבלת שבת, שחרית און מוסף
פאר׳ן אפפאהרען נאך אויסלאנד

דער וועלט-בעריהמטער
אבערקאנטאר

גרשון סיראטא

מיט א נוס-
איינשטורירטען
כאר

אונטער ליימונג פון בעוו. דיריגענט
ישראל רובין

און גרעסטער עמוד-קינסטלער

בילעטען פארפערקויף: זעלמאנאָוויטש, פיעטריקאווער 12 (קאנדיטאריי); מונק, נאוואמיעסקא 20 (ספרים-געשעפט); וויינבערג, נאוואמיעסקא 30 (קאנדיטאריי) און אין דער קאסע פון פילהארמאניע

פאר פרויען ספעציעל רעזערווירטע פלעצער.

די הכנסה איז בעשטימט פאר דער „גמילת-חסדים״-קאסע ביים פעראיין „נושאי המטה״.

בילעטען פון 75 גר.

בילעטען פון 75 גר.

פעראיין „לינת משמורים״
לאדז. זשעלאנא 26, טעל. 242-55

זונטאג, פ׳ משפטים, דעם 19. פעבּרואר 1933, 6 אַ זייגער אָוונט קומט פאר אין פער-
איינס-לאָקאל

די פייערליכע ערעפנונג
פון דעם אמבולאטאריום

ביי אונזער פעראיין.

773 די פערוואלטונג 773

צוריב אבריוזע

צו פערקויפען פאר עטליכע הונדערט זלאָטעס א
מענער-דאמען פריזיער-אנשטאלט
גוט פראספערירענד אין א גוטען פונקט. דאָרט
איז אויך א דירה צו פערדיגגען. צו ערפאהרען ביי
S. Salem Tomaszów-Maz. Piłsudskiego 8

בעקאנטמאכונג.

דערמיט האָבען מיר דעם כבוד מיט-
צוטיילען דער ג׳ קונדשאפט, אז מיר האָבען
ערעפענט א געשעפט פון פערשידענע

הארטע
און
ווייכע

לעדער

אויף
4 נאוואמיעסקא 4

אונזער לעדער-געשעפט איז פערזעהען מיט
אלע סאָרטען סחורה און דעם שענסטען
אויסוואהל און צו ביליגע פרייזען. רעעלע
בעהאנדלונג! מיט אכטונג

ישראל בּיעזשובסקי
און יחיאל קאהן
לאדז, נאוואמיעסקא 4.

וואס זאגט
דער ווארשאווער היגיעני-
שער אינסטיטוט וועגען
באלווע?

„באלווע“

איז א פראדוקט פון געוויסען, זעהר רייך אין ער-
נע־רונגס-טיילען ווי איי-ווייסל, פעטס און צוקער.
לייטער פון דער לאבאראטאריע צו פארשען לעבענס-מיטלען
(—) J. ŁAJKO (אויסצוג פון אב׳שנט״יוע)

ווי מיר זעהען פון דער דאזיגער אנאליזע, ענטהאלט אין זיך אונזער באלווע
אלץ, וואס דער מענשליכער ארגאניזם דארף האבען אויף לעבען און זיך ענטוויקלען.
זי איז דעריבער פאר קינדער און דערוואקסענע

א געשמאק, רייך און געזונד דערנעהרונגס-מיטעל,
וועלכעס קאסט נאך דערצו זעהר ביליג!

היט זיך אבער נעגען פאלסיפיקאטען!!!

קויפט נור
גאראנטירטע
כאלווע
פון פאלגענדע מארקען:

— I סארט: —
„Kairo“ „Kokinakis“

— II סארט: —
„OLIMPJA“

Zjednoczone Fabryki Chałwy w Polsce
„CHAŁWA“
CENTRALA w WARSZAWIE.
766
Oddział w Łodzi,
ul. Andrzeja 80, tel. 207-33.

יובילײ-קאמיטעט לכבוד פראפ. י. פיוּוישׂים אין לאדז.

זאל פילהארמאניע (נארוטאוויטש 20

זונטאג, דעם 19 פעברואר 1933, 8.45 אָוונט קומט פאר א פייערליכע

יובילײ-קאנצערט-אקאדעמיע

לכבוד
פראפ.
י. פיוּוישׂים

צום 20-יעהריגען יובל פון זיין מוזיקאלישע
טעטיגקייט און 10-יעהריגע ארבייט אין לאדז.

I. אקאדעמיע, דערעפנונג – רעד. לאזאר פוקס, וועגען יובי-
לאר׳ס טעטיגקייט – דיר. א. פערלמאן, בעגריסונגען.
II. קלאסישע מוזיק – פראגמענטען פון הענדלס ארעטאריום „יהודה
המכבי״ און מענדעלסאָנס 42 פסאלם אויסגעפיהרט פון „שיר-
כאר״, לאדזער פילהארמ. ארקעסטער, סאפראן סאלא-
פרל. ס. קראפיוונים. III. יודישע פאלקסלידער ארראנזשירט
פון יובילאר אויסגעפיהרט פון „שיר״-כאר.
ביים קלאוויר: פרל. ל. לאסס

— אין —
פראגראם

בילעטען פון 75 גר. ביז 3.50 צו בעקומען אין פילהארמאניע.

כשר כשר

בעקאנטמאכונג.

דערמיט ווערט בעקאנט געמאכט דעם ג. פובליקום, אז ס׳איז ערעפענט
געווארען אַ ערשטקלאסיג איינגעארדענטען קלויב׳ן איראפעאישען סטיל

באר „מאנאפאל״

28 זשעלאנא 28

אונטער דער ליימונג פון בעוואוסטען ערשטקלאסיגען איראפע-
אישען פאכמאן אין דער קולינאר-קונסט מאקס וויגאדני.

צוליב׳ן גרויסען קריזיס
ווערט ארויסגעגעבען

מיטאגען

פון 4 שפייזען
און געפליגעל

1.25 זל.

פון 3 שפייזען 75 גר.

אווענדברויטען 75 גר. פריהשטיק פון 3 שפייזען 60 גר.

בעדינונג פריין סאלידע בעהאנדלונג! קומט און איבערציינט אייך!

כשר כשר

עס גערט שוין צו פסח און די נויט איז גרויס!

די מיזט שוין בעצייטענס זארגען, אז דיין אמעריקאנער קרוב זאל דיר
צושיקען אויף יום-טוב

א פעקעל מלבושים!!

אויב די ווילסט נישט האָבען קיין צרות צוליב א פעקעל קליידונג דורך פאסט און אויב די
ווילסט אויך דיין קרוב איינשפארען קאָמפערדרעהענישען, מוזשו דיין קרוב אין ניו-יארק
אדער ברוקלין שרייבען, אז ער זאל דיר דאס פעקעל בגדים, וועש, ש׳כיוצא שיקען דורך דער

Polish Atlantic Shipping Co. of America
79 Norfolk Street (near Delancy Street)
NEW-YORK, N. Y., America

וואס שטעהט אונטער דער אנפיהרונג פון מאקס ראזענטהאל און ישראל סמאלאר.
ווערסט נישט דארפען האבען צו טון מיט׳ן צאָל-אמט און אנדערע אמטען און דיין קרוב
וועט מיט׳ן פעקעל נישט דארפען געהן אין קאנסולאט. לעג אריין דעם אדרעס אין דיין
ערשטען בריף צו דיין קרוב אין ניו-יארק אדער ברוקלין. קענסט אויך שרייבען דירעקט
צו דער „פאליש-אטלאנטיק שיפינג קאמפאני״ – זי וועט שוין דיין קרוב אויפ-
זוכען און דיר אין דער בעסטער ארדנונג צושטעלען אהיים דאס פעקעל קליידונג פאר דיר
און דיין הויזגעזונד. לעג נישט אפ אויף מארגען! מהו עס באלד!
557

# פיניעלע מזיק
## גיט לשון



ווי איך האב איך שוין געזאגט, ווער איך, פיניעלע מזיק, א כלל־טוער.

ווער ס'האט מיך געמאכט פאר א כלל־טוער? און ווער האט די גרויסע קאכלעפעל געמאכט? — האבען זיך אליין גענומען די מאכט, און מיר, קליינע יאטען, מוזען די מאכט ביי די גרויסע יאטען צונעמען, און טאמער וועלען זיי זיך נישט לאזען, וועלען מיר די פעריקיפען!

דאס ערשטע גער איך גרינדען א „מלבוש ערומים", ס'איז שוין די העכסטע צייט, אז מיר קליינע יאטען זאלען זארגען פאר זיך אליין. מיר וועלען אליין מאכען בלומעל־טעג און מיר וועלען אליין ציילען די זלאטעס פון די פושקעס. מיר וועלען אליין איינארדנען זאבאוועס מיט מאסקאראדעס — פערשטעלען קען מיר, קליינע יאטען, בעסער פון די גרויסע יאטען. מיר ווילען נישט, אז די, די גרויסע יאטען, זאלען קלאפען מיט דער פושקע און שרייען: „האט רחמנות אויפ'ן ארימען יודישען קינד!..." מיר ווילען נישט קיין „רחמנות" פון די גרויסע יאטען — מיר קענען זיך שוין אליין אנטון — מוחל טובות!...

נאך „מלבוש ערומים" וועלען מיר גרונדעווען אנ'אייגענעם „לחם", אנ'אייגענעם „צדק", אנ'אייגענעם „חולים", אנ'אייגענעם „חתן־כלה" אלץ וועלען מיר גרונדעווען, א חוץ א קימפעטאר'ין־קליניק און א זקנים־הויז — דאס וועלען מיר איבערלאזען פאר זיי, די גרויסע יאטען.

אלזא יאטען און יאטעכעס — צו דער ארבייט!

איך, פיניעלע מזיק, ווער פרעזעס!...

———):O:(———

## א פרעטענזיע

סוחר (צום דאקטאר): פאנ'ע דאקטאזשע, איהר האט מיר פערזיכערט אז נאך מיין פרויס גריפע, וועט נישט זיין קיין שום קאמפליקאציע, און צום סוף שיקט איהר מיר צו א רעכענונג פון טויזענד זלאטעס.

## א בריף
### פון א קעלצער סוחר צו א לאדזער מאגאזינער

„צו דער פירמע טאנדייטער און ציגעלבעק אין לאדז!

כ'בעט מיר באלד ארויסצושיקען זעם בעשטעלונג, ווייל איך בין אינגאנצען געבליבען אהן סחורה.

מיט אכטונג

ש. בערגמאנן אין קעלץ.

## א וואוילער אלטער
### צו אלעם האט ער אנ'עצה

דער אלטער אכציג־יעהריגער לאדזער גביר, מ—ק, האט די לעצטיגע וואך חתונה געהאט צום 6־טען מאל מיט א צוואנציג־יעהריגע מיידעל. צומארגענס נאך דער חתונה פרעגט איהם זיינע א טאכטער:

— טאטעשי, צי וואס טויג דיר אזא יונגע קאזע? שטעל דיר פאר, אז אין צעהן יאהר ארום וועט זי אלט זיין דרייסיג יאהר.

— נו איז וואס? וועל איך זי דאן לאזען שיידען און חתונה האבען מיט א 20־יעהריג מיידעל...

## ער רעדט ווי א בר־דעת
### געהערט אין „מאכאנובקע"

אין „קאכאנובקע" דרעהט זיך ארום א משוגענער און האלט אין איין רעדען צו זיך: „גיט מיר א מעסער וועל איך שעכטען מיין שוויגער".

— פאנ'ע דאקטאזשע, ווענדט זיך א צופעליגער בעזוכער צום דאקטאר: — „וואס טוט ער דא, ער רעדט דאך אינגאנצען ווי א בר־דעת!...

## אנ'אומגליק איז איהם געשעהן!
### געשפרונגען צוו שעז צוויי אנגעשטעלטע

— וואס ביזטו עפעס היינט אזוי צעטראגען?

— פרעג נישט — כ'געה היינט ארום א טויטער.

— וואס איז געשעהן? דער שעף האט דיך אפשר געקינדיגט?

— נאך ערגער!

— דהיינו?

— פיל ערגער! שטעל דיר פאר, היינט אין דער פריה רופט מיך דער שעף אריין אין קאבינעט און... גיט מיר איבער ס'געשעפט.

## ס'איז אלץ מעגליך!
### דער חתן און זיין רייכער מחותן

א לאדזער מלחמה־גביר איז ארויסגעפאהרען מיט זיין טאכטער'ס חתן וויזען זיין גוט אונטער זדונסקא וואליא.

— דו זעהסט, העניעק, אלץ דא איז מיינס אזוי ווייט ווי כ'דערזעה נאר.

— פאלא, האט דער חתן געפרעגט די כלה — איז דיין טאטע נישט אמאל קורצזיכטיג?

## א „זאבאווע"

מאן: איך געה איצט צו דער לויה פון מיין שותף.

פרוי: וועסט באלד צוריקקומען?

מאן: אויב כ'וועל מיך גוט „באוויזען" וועל איך פערבלייבען לענגער...

## יענקעל נאוואמיעסקער און גאדל ווילקער
### אונטערגעהערט אויף דער נאוואמיעסקא

וואס זאגסטו בישט, יעקעל, צו דעם פיוויש'ן! אזא שווינדלער! אזא קרעטאטש!

— כ'פערשטעה נישט, מיט וואס איז ער אזא שווינדלער?

— שטעל דיר פאר אזא שאנטאזשיסט! ער שטעלט מיר אויס א וועקסעל אויף 100 זלאטעס אויפ'ן 10־טען פעברואר 1933. און דעם 9־טען פעברואר 1933... שטארבט ער...

## א פשוט'ער תירוץ

וואס איז די מעשה וואס ביים איצטיגען שווערען קריזיס זענען דאך אלע לאדזער נאכט־לאקאלען איבערפולט?

— גאר פשוט: ווער קען עס מיט אזעלכע דאגת פרנסה שלאפען!...

## רעקלאמע

א קאפעלושען־סוחר האט געמאכט א רעקלאמע אויף זיינע קאפעלושען, האט ער ארויסגעהאנגען פלאקאטען:

„קויפט מיינע קאפעלושען"

אויף צומארגענס האט איינער צוגעשריבען:

..."אויב ס'וועט פערפעהלען ביי קאפעלושניק'ען"..

## אנ'עצה
### פון א לאדזער זיידען־געשעפט

אין א געשעפט פון זיידען־צייג שטעהט א דאמע און קלויבט סחורה אויף א קלייד. די סחורה געפעלט איהר, נאר זי וואלט געוואלט „צוש", עפעס טייערערס...

— כ'בעט'ער זעהר, האט דער פערקויפער געענטפערט, נאר איך האב נאך איין עצה: כ'וועל איבעררעדען מיט'ן שעף, אפשר וועט ער מסכים זיין אויף דער סחורה צו הייבען דעם פרייז.

## די אייער זענען קלוגער פון די היהנער...
### א קאנסיליום ביי א קראנקען גביר

צו א קראנקען גביר איז גערופען געווארען א קאנסיליום, נאך דעם ווי בידע דאקטוירים האבען דעם גביר בעטאפט און בעהארכט, און געארבעט גע־פינצען, זענען די בידע אריין אין א יחוד־שטיבעל אויף א „נאראדע"..

— נו, וואס מיינט דער קאלעגע? האט דער אלטער דאקטאר געפרעגט דעם יונגערען.

— איך פראפאניר א גירען־עטציגדונג — האט דער יונגער דאקטאר געענטפערט...

# דער קונדס

הומאר ● סאטירע ●

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק ●


ביילאגע צום נייעם פאלקסבלאט נומער 42 — פרייטאג, דעם 17 פעברואר 1933


## אוי, דער קאפ!...




די „מעדיצין" העלפט אויך ווי א טויטען א קאפיטעל תהלים...









אויבען רעכטס: די שטאָט באַוצען אין זאַקסען פייערט דעם טויזענד־יעהריגען יובילעי פון איהר עקזיסטענץ.

אויבען אינדערמיט: צו דער מוראָריגער אויפרייס־קאַטאַסטראָפע אין בוינקירכען. אַ בליק אויף אַ טייל פון די מעטאַלורגישע ווערק אין בוינקירכען.

אינדערוייט רעכטס: עלעגאַנטע דאַמען קלעבען פלאַקאַטען אין פאַריז געגען די הויכע שטייערען.

אונטען רעכטס: שלאָס נוי־שוואַנשטיין, וואו עס קומען פאָר די גרויסע פעסטש־שפילען צום 50־יאָהריגען צייט פון ריכאַרד וואַגנער.

אונטען: 1) אַ בילד פון דער פערפליצונג פון טייך אָדער





אויבען לינקס: די בעסטע סקי־שפרינגער אין דער וועלט: פון לינקס: די באָרוועגער — סערעיסען, זיגורד און בירגער רונה.

אינדערוייט לינקס: קעניג גוסטאַוו פון שוועדען רעדט זיך אָב מיט דער טעניס־מייסטערין ציליע אויסעם וועגען אַ פאַרטיע טעניס.

אינדערמיט: אַ נייער טיפּ פון אַ מאָטאָציקל.

אונטען לינקס: אין אַ פאָרשטאָט פון מינכען איז אַראָפּגעפאַלען אַן אַעראָפּלאַן און איז געבליבען הענגען צווישען ביימער.

אונטען: יוגאָסלאַווישע מאַטראָסען אין זייערע גאַלאַ־אוניפאָרם.

















אויבען רעכטס: דער באהן־שטרייק אין איירלאנד: מיליטער בעוואכט א בריק.

---

אויבען אינדערמיט: ערעפנונג פון דער ראדיא־סטאציע אויף קורצע כוואליעס אין וואטיקאן. רעכטס — פויפסט פיוס דער 11־טער, לינקס — סענאטאר מארקאני.

---

אינדערזייט רעכטס: דער וועלט־בעריהמטער רובר־שער זינגער שאליאפין איז אלט געווארען זעכציג יאהר. שאליאפין אין דער ראלע פון דאן קיכאט.

---

אינדערזייט לינקס: יאפאן זאל ארויסטרעטען פון פעלקער־בונד. דער פארשטעהער פון יאפאן אין גענף מאטסואקא.

---

אונטען רעכטס: דער נייער בערלינער שטאט־קאָמענדאנט מאכט א רעוויע פון מיליטער.







דער דייטשער קאמפאזיטאר פאול האייע, איז געשטארבען אין עלטער פון 88 יאהר



אויבען לינקס: מיט 25 יאהר צוריק. דער ערשטער אויטאמאביל וואס האט געמאכט א רייזע ארום דער וועלט.

אינדערזייט לינקס: צום קאנגרעס פון דער ליסט־געזעלשאפט אין דייטשלאנד. פרידריך ליסט, דער בעריהמטער דייטשער עקאנאמיסט.

אינדערזייט רעכטס: פרידריך קירשאייזען, דער בעקאנטער נאפאלעאן־פארשער איז געשטארבען.

אונטען לינקס: די לויה פון ערמארדעטען סאציאליסטישען בירגערמייסטער קאסטען פון שטראספורט

אונטען אינדערמיט: ערעפנונג פון דער גרויסער אויטאמאביל־אויסשטעלונג אין בערלין. פון פארנט: היטלער בעגריסט זיך מיט די ארגאניזאטארען פון דער אויסשטעלונג.







